גוט שבת אלע אידן. *המשך פון פרשת אמור*... דער צאר האט אנגעהויבן צו מדקדק זיין אויף יעדע קנייטש און קנעפל אויף דעם סאלדאט לעבן יעקב. דער צאר איז געווארן אין כעס, און ער האט אנגעהויבן צו שרייען אויפ'ן סאלדאט זאגענדיק: "קוק ווי שמוציג דו ביסט! וועגן דעם ביסט דו נישט קיין סאלדאט פונעם צאר!!!"

יענער סאלדאט און אלע אנדערע סאלדאטן האבן געציטערט פון פחד, ווייל דער צאר איז באקאנט געווען אלס איינער וואס קען הרג'נען סאלדאטן אויפ'ן ארט אפילו פאר א קלייניגקייט. דאן האט דער צאר געזאגט פאר יעקב "דער סאלדאט וויל נישט זיין אין מיין ארמיי, נעם ארויס דיין שווערד און האק אים אף זיין קאפ!" יעקב האט נישט געוואוסט וואס צו טון.

נישט פאלגען דעם צאר איז נישט געווען דעם וועג. ער האט שנעל ארויסגערופן הויך אז אלע זאלן הערן, "מכובד'יגער צאר, איך וואלט געוואלט אייך פאלגען ווייל איר זענט אונזער חשוב'ער קעניג, אבער איך דארף עפעס וויכטיג זאגן וועגן דעם סאלדאט. ער איז א גרויסער גיבור און ער קאמפט שטארק אין די צאר'ס מיליטער. עס איז א שאד צו פארלירען אזא גוטען סאלדאט. וועגן דעם בעט איך פון ג–ט אז ער זאל מאכן א נס און ער זאל טוישן מיין שווערד צו האלץ, אז איך זאל נישט קענען הרג'נען דעם פיינעם סאלדאט."

מיט די ווערטער האט יעקב ארויסגענומען זיין שווערד ווען א יעדער זעט אז עס איז טאקע א האלצענע שווערד. די עולם איז געווארן איבעראשט, דער צאר האט אבער געוואוסט דעם אמת, אז יעקב האט איבערגעגעבן זיין שווערד פאר'ן בעל הקרעטשמע. באלד דערנאך איז דער צאר אוועקגעפארן פון דעם לאגער, און יענער סאלדאט איז געבליבן לעבן.

נישט לאנג דערנאך האט יעקב'ס ג'ענעראל גערופן יעקב צו זיין אפיס. ער האט אים געזאגט אז דער צאר אליין וויל רעדן מיט יעקב! יעקב האט מורא געהאט אבער וואס האט ער דען געקענט טון? ער איז געפארן קיין מאסקווע, צו דעם צאר'ס פאלאץ. צו יעקב'ס גרויסע וואונדער, האט דער צאר שטארק מכבד געווען יעקב. דער צאר האט דערציילט פאר יעקב אז ער ווייסט וועגן אלעס וואס איז געשען מיט דעם בעל הקרעשטמא און מיט דעם עכטען שווערד און די פאלשע שווערד אויך. דער צאר האט געזאגט פאר יעקב אז "כאטש אפילו דו האסט עובר געווען אויף די געזעצן פון דעם מיליטער, דאך דארף איך אזעלכע קליגע סאלדאטן צו פירן מיין ארמיי." וועגן דעם האט דער צאר געמאכט יעקב פאר אן אפיצער, און ער האט געבעטן יעקב זאל קומען וואוינען אין זיין פאלאץ!

צוביסלעך איז יעקב געווארן נענטער און נענטער צו דעם צאר. איין טאג אפאר יאר שפעטער, ווען יעקב האט שוין געהאט א חשוב'ע שטעלע אין דעם צאר'ס מיליטער, האט דער צאר געזאגט פאר יעקב אז ער טראכט אז עס איז שוין צייט פאר יעקב חתונה צו האבן. נישט נאר דאס, נאר דער צאר האט מחליט געווען אז יעקב זאל ווערן דעם צאר'ס פלומעניק (נעפיו). יעקב איז געבליבן שטיל, ער האט נישט געוואוסט וואס צו זאגן. ער האט געוואוסט אז ער איז א איד, אבער ער איז דאך געווען אינגאנצן פריי.

דער צאר האט שוין ארויסגעשיקט די איינלאדונגס, און אויב יעקב וועט יעצט זאגן "ניין" צו דעם "שידוך" וועט ער פארשעמען דעם צאר. אפאר טעג בעפאר עס האט געהייסן די זמן פון דער חתונה, האט דער צאר געזאגט פאר יעקב אז זיי האבן אויסגעפינען אז ער איז א איד, און כדי ער זאל ווערן דעם צאר'ס פלומעניק, דארף ער זיך שמד'ן רח"ל אין די גרויסע קירכע אין מאסקווע פאר א גרויסע עולם, די נעקסטע טאג אינדערפרי.

די נעקסטע טאג זענען אסאך מענטשן געפארן צו דער קירכע צו זען ווי יעקב גייט זיך שמד'ן. יעקב איז געזעצן שטיל אין דער וואגן, פארנדיג צו דער קירכע. כאטש ער איז געווען אזוי ווייט פון אידישקייט, האט די אידישע פינק נאך אלס געברענט אין זיין הארץ. ער האט זיך מיישב געווען אז ער וועט זיך נישט שמד'ן. אבער וואס האט ער געקענט טון? דער צאר וועט אים נישט אפלאזן, ער מוז טון דעם "שידוך". ווען דער וואגן איז געפארן איבער די העכסטע בריק אין מאסקווע, איז יעקב ארויסגעשפרינגען פון דעם וואגן איבער דעם בריק שרייענדיק "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד..."

מיר ווייסן נישט אלע חשבונות פון דעם רבונו של עולם. אבער איין זאך ווייסט מען יא, אז אפילו מיר אידן האבן געליטן אסאך פון די גוים ימ"ש דורך אלע דורות, וועט דער אייבערשטער אונז קיינמאל נישט אפלאזן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: "כי לי בני ישראל..." (ויקרא כה,נה) זאגט דער מדרש שמואל אז "אמר רבי לוי כל מקום שהוא אומר לי אינו זה אלא בעולם הזה ובעולם הבא.." (פרק יט, סימן ג) ווען עס שטייט אין פסוק "לי" – מיינס, מיינט עס אויף אייביג. ד"ה מיר זענען דער אייבערשטער'ס פאלק אויף אייביג.

מיר ווייסן אויך אז דער אייבערשטער האט אונז צוגעזאגט אז מיר זענען זיין "עם סגלה" (שמות יט,ה). נאך מער, זאגט אונז דער אייבערשטער די וואך, אז "ואף גם זאת בהיותם בארץ איביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלתם להפר בריתי אתם כי אני ה' אלקיהם." (ויקרא כו,מד) ד"ה, אפילו אין די שווערשטע גלות וועט דער אייבערשטער נישט מבטל זיין דעם בונד וואס ער האט געמאכט מיט כלל ישראל. ווי מיר זען אז די אלע צאר'ס, באלשעוויקן, און קאמוניסטען, ימ"ש, איז קיין זכר נישט געבליבן, נאר עם ישראל חי וקיים. זאלן מיר שוין דערלעבן דעם גרויסען טאג פון דער גרויסער ישועה, ווען עס וועט מקוים ווערן "והיה ה' למלך על כל הארץ ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד." (זכריה יד,ט) **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת לידת נינו לנכדו הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א בן בנו הרה"צ רבי אהרן מנחם מענדל שליט"א**

**מזל טוב לחתן יוסף ברוך ברעננער נ"י לרגל שמחת הנישואין שלו בל"ג בעומר בשעטומ"צ**

**(דער עולם ווערט איינגעלאדענט צו קומען וואונטשן מזל טוב צום חתן ביי דער שבע ברכות אין "גן מלכות" זונטאג נאכט, א' במדבר 7 אזייגער.)**

**נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של הילד צבי אלימלך בן שיינדל, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים, לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל**

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**

**דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)**